**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/18/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אז מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט האט אינסטאלירט באשיצנדע פלאטפארמע צוימען ביי איבער 50 סאָבוועי סטאנציעס**

***אויספירנדיג די גאווערנער'ס צוזאג אין איר 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע, איז די MTA אויפן וועג צו אהערשטעלן מער פון 100 סטאנציעס מיט צוימען ביז סוף 2025***

***פלאטפארמע צוימען ווערן אינסטאלירט בעסער, שנעלער און ביליגער נוצנדיג NYC טראנזיט'ס אייגענע ארבעטסקראפט***

***סורוועי צווישן פאסאנזשירן ווייזט אז צוימען מאכן די מערהייט פון רייזנדע פילן זיכערער***

***זעהט בילדער פון פלאטפארמע צוימען [דא]***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט אז די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט (Metropolitan Transportation Authority, MTA) האט אינסטאלירט באשיצנדע צוימען ביי די עק פלאטפארמע ביי 56 סאָבוועי סטאנציעס. שטייענדיג האלב אריין אין 2025, איז די MTA אויף די רעלסן צו אויספירן גאווערנער Hochul (האקול)'ס פאראארדענונג אין די 2025 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע צו אינסטאלירן אזעלכע צוימען ביי מער פון 100 סאָבוועי סטאנציעס ביז סוף פון היי יאר. די פאראארדענונג איז טייל פון א ברייטערע רייע איניציאטיוון וואס גאווערנער Hochul (האקול) האט אנאנסירט אין איר 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע מיט די ציהל צו באשיצן סאָבוועי פאסאנזשירן און ארבייטער. די MTA זעצט פאר צו מאדערניזירן סטאנציע באלייכטונג מיט לעכטיגערע און זיכערערע LED לעקטערס. LED'ס זענען יעצט אינסטאלירט אין 342 סטאנציעס, און זענען געסקעדזשולט צו זיין אינסטאלירט אין אלע 472 סאָבוועי סטאנציעס ביז סוף פון היי יאר. זיכערהייט אין די סאָבוועי סיסטעם זעצט פאר זיך צו פארבעסערן, מיט די סך הכל ערנסטע פארברעכנס פאלנדיג מיט 3 פראצענט אין פארגלייך צו די זעלבע צייט אפשניט פארגאנגענע יאר און מיט כמעט 10 פראצענט אין פארגלייך צו די שטאפלען בעפאר די פאנדעמיע.

"די זיכערהייט פון ניו יארקער וועט שטענדיג זיין מיין הויפט פריאריטעט, און פאסאנזשירן דארפן סיי פילן און סיי באמת זיין זיכער יעדעס מאל וואס זיי פארן אויף די סאָבוועי", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "אונטער מיין פאראארדענונג, האט די MTA אונטערגעאיילט די אינסטאלאציע פון באשיצנדע פלאטפארמע צוימען, ארויפבויענדיג אויף זייערע באמיאונגען צו לעכטיגער מאכן סטאנציעס מיט LED באלייכטונג און צו אויסשטאטן יעדע סאָבוועי וואגאן מיט סעקיורירטי קאמעראס. פארברעכן אויף טראנספארטאציע איז אראפ אין 2025, און די באמיאונגען וועלן מאכן די סאָבוועי סיסטעם זיכערער פאר יעדן."

**MTA פארזיצער און CEO, Janno Lieber (דזשענאָו ליעבער), האט געזאגט**, "אונטער גאווערנער Hochul'ס (האקול) פירערשאפ מאכן מיר אינוועסטירונגען צו זיכער מאכן אז אונזער סיסטעם איז נישט נאר פאקטיש זיכער, נאר אויך פונקט אזוי וויכטיג — אז עס פילט זיך זיכער פאר פאסאנזשירן. מיט נייע פלאטפארמע צוימען, די MTA'ס טויזנטע נייע סעקיוריטי קאמעראס, פארמערטע אנוועזנהייט פון די NYPD און 10 פראצענט ווייניגער פארברעכן ווי בעפאר COVID, איז דאס נישט קיין וואונדער אז די צופרידנהייט ראטעס צווישן פאסאנזשירן זענען געשטיגן דראמאטיש דאס יאר."

**MTA קאנסטרוקציע און דעוועלאפמענט (Construction and Development) פרעזידענט, Jamie Torres-Springer (דזשעימי טארעס-ספרינגער), האט געזאגט**, "דאס איז וויאזוי די MTA קוקט אויס אין מציאות: ארבעטנדיג בעסער, שנעלער און ביליגער כדי צו פארבעסערן די ערפארונג פאר רייזנדע און זיי האלטן זיכער. דאס נוצן די אייגענע ארבעטסקראפט האט אראפגעטריבן די קאסטן און פארמערט אונזער שנעלקייט אויף דעם פראיעקט, און מיר זענען גרייט צו מאכן נאך גרעסערע פארשריט אין די צווייטע האלב פון 2025."

**NYC טראנזיט (NYC Transit) פרעזידענט, Demetrius Crichlow (דעמיטריוס קריקלאו), האט געזאגט**, "פאסאנזשירן זאגן אונז אז פלאטפארמע צוימען מאכן זיי פילן זיכערער און אז זיי ווילן זעהן מער דערפון. א דאנק גאווערנער Hochul'ס (האקול) שטיצע, ברענגען מיר די צוימען צו סטאנציעס שנעלער, מיט מער פון 50 שוין אינסטאלירט און נאך 50 אויפן וועג ביז סוף פון היי יאר. איך בין שטאלץ פון די NYC טראנזיט אייגענע מאנשאפט פאר די געוואלדיגע ארבעט וואס זיי טוהען צו בויען און אינסטאלירן צוימען און מיר קוקן ארויס צו אנהאלטן די שוואונג."

לעצטיגע סורוועיס צווישן פאסאנזשירן האבן געוויזן אז 59 פראצענט פון זיי האבן געוואלט אז באשיצנדע פלאטפארמע צוימען זאלן אינסטאלירט ווערן אריבער די סיסטעם, אריינרעכענענדיג 88 פראצענט פון פאסאנזשירן העכער די עלטער פון 65. א מאיאריטעט פון מענטשן וואס האבן געענטפערט האבן אויך אנגעמערקט אז זיי גלויבן אז די אנוועזנהייט פון פלאטפארמע צוימען אין די סטאנציע מאכט זיי פילן זיכערער און אז זיי גלויבן אז די צוימען וועלן באשיצן פון אריינפאלן אויף די רעלסן. פלאטפארמע צוימען ווערן געבויט און אינסטאלירט נוצנדיג ניו יארק סיטי טראנזיט'ס (New York City Transit, NYCT) אייגענע ארבעטסקראפט מיט זייערע אייגענע מאשינעריי אין א NYCT איינריכטונג, פירנדיג צו ביליגערע קאסטן און שנעלערע אינסטאלאציעס.

סטאנציעס ווערן אויסדערוועהלט פאר די אינסטאלאציע פראצעדור באקומענדיג פריאריטעט פאר ווי גרינג די אינסטאלאציע איז, אריינרעכענענדיג סטאנציעס וואו די וואגאנען שטעלן זיך אייביג אפ אויף פונקטליך די זעלבע לאקאציע אין חלקים פון די **1**, **2**, **3**, **4**, **5**, **6**, **7**, **F**, **M** און **L** באנען. ארויס פון די באן ליניעס באקומען סטאנציעס מיט העכערע צאלן פאסאנזשירן און מיט צוויי-זייטיגע פלאטפארמעס העכערע פריאריטעט.

די פאלגנדע סטאנציעס האבן יעצט פלאטפארמע צוימען אינסטאלירט:

**ברוקלין:**

- Clark St - **2**, **3**
- Morgan Av - **L**
- Grand St - **L**
- Dekalb Av - **L**
- Halsey St - **L**
- Bushwick Av-Aberdeen St - **L**
- Myrtle-Wyckoff Avs - **L**, **M**

- Graham Av - **L**
- Jefferson St - **L**
- Bedford Av - **L**
- Lorimer St - **L**
- Wilson Av - **L**
- Montrose Av - **L**
- Eastern Pkwy-Brooklyn Museum - **2**, **3**
- Grand Army Plaza - **2**, **3**
- President St - **2, 3**
- Hoyt St - **2**, **3**
- Beverly Rd - **2**, **5**
- Sterling St - **2**, **5**
- Winthrop St - **2**, **5**
- Bergen St - **2**, **3**

**מאנהעטן:**

- 191 St - **1**
- 5 Av - **7**
- 1 Av - **L**
- 6 Av - **L**
- 125 St - **4**, **5**, **6**
- Bowery - **J**, **Z**
- Fulton St - **J**, **Z**
- Broad St - **J**, **Z**
- Canal St - **J**, **Z**
- Wall St - **2, 3**
- 23 St - **6**
- 125 St - **2**, **3**
- Central Park North-110 St - **2**, **3**
- 135 St - **2**, **3**
- Astor Place - **6**
- 8 Av - **L**
- Bleecker St - **6**
- Fulton St - **2, 3**
- Spring St - **6**
- 103 St - **6**
- Park Place - **2, 3**
- 28 St - **6**
- 68 St-Hunter College - **6**
- 33 St - **6**
- 96 St - **6**
- 77 St - **6**
- 145 St - **1**
- Grand Central-42 St - **7**
- Christopher St-Stonewall - **1**

**קווינס:**

- Flushing-Main St - **7**
- 46 St - **M, R**
- 67 Av - **M, R**
- 75 Av - **E, F**
- Woodhaven Blvd - **M, R**
- Jamaica Center-Parsons Blvd-Archer Av - **E, J, Z**

**אסעמבלי מיטגליד Alex Bores (אלעקס באַרעס) האט געזאגט,** "באשיצנדע צוימען אויף די עק פלאטפארמע ראטעוועט לעבנס. אין צוגאב צום צושטעלן א זיכערע פלאץ וואו צו שטיין, גיבן די צוימען א רואיגע געוויסן פאר פאסאנזשירן און מוטיגן מענטשן צו פארן אויף די סאָבוועי; און א סאָבוועי סיסטעם וואס איז אנגעפילט מיט פאסאנזשירן איז א זיכערערע סיסטעם. אין צוגאב, נעמען פלאטפארמע צוימען שנעל צו אינסטאלירן און זענען ביליג, איינשפארנדיג געלט פאר שטייער-באצאלנדע בירגער. איך האב געשתדל'ט פאר די צוימען נאך בעפאר מיין צייט אין אפיציעלע אמט, און איך בין דאנקבאר פאר די גאווערנער פארן אריינלייגן די לעבנס-ראטעווענדע כלים אין איר ארומנעמיגע סאָבוועי זיכערהייט פלאן."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן